STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04833

FARVOS SOTSYALISTN DARFN SHTIMEN FAR RUZVELTN

Ezriel Naks

Permanent preservation of this book was made possible by Myron & Frances Berrick

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאַרוואָס סאָציאַליסטן דאַרפן שטימען פאַר רוזוועלטן

פון דר. עזריאל נאַקס

פרייז — 10 סענט.

פאַרלאַג „דער וועקער"
אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד אין אַמעריקע
175 איסט בראָדווי, ניו־יאָרק, 2, נ. י.
טעלעפאָן: גראַמערסי 7994—5

200

פאַרוואָס סאָציאַליסטן דאַרפן שטימען פאַר רוזוועלטן

1

מיט פיר יאָר צוריק און היינט

ס'איז ניט נאָר נויטיק צו באַטאָנען די וויכטיקייט פון די קו־מענדיקע פּרעזידענט־וואַלן, נאָר אויך צו פאַרשטיין, פאַרוואָס די וואַלן זיינען אַזוי וויכטיק.

ס'איז ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס פּראָגרעסיווע און ליבע־ראַלע מענטשן, ווי אויך דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן, שטיצן רוז־וועלט'ס קאַנדידאַטור פאַר פּרעזידענט.

אויך אין 1940 האָט רוזוועלט באַקומען די שטיצע פון די פּראָגרעסיווע, ליבעראַלע, און סאָציאַליסטישע עלעמענטן אין אַמעריקע. דעמאָלט איז שוין אָנגעגאַנגען דער וועלט־קריג. זיינע פלאַמען האָבן אַרומגעכאַפּט ניט נאָר איראָפּע, נאָר אויך אַפ־ריקע און אַזיע. דער פאַשיזם האָט אָפּגעהאַלטן איין זיג נאָך דעם אַנדערן. די פּראָגרעסיווע אַמעריקע האָט דעמאָלט גע־וואוסט אַז דער גורל פון דער מענטשהייט געפינט זיך אויף דער וואָגשאָל. די פלאַמען פון דעם קריג האָבן נאָך אַמעריקע ניט געהאַט אָנגערירט. זיי האָבן אָבער פאַרשטאַנען אַז די סכנה לויערט אויך איבער אַמעריקע, אַז מיט דעם נצחון פון דעם פאַשיזם אין איראָפּע וועט אויך אַמעריקע'ס גורל פאַרזיגלט ווערן. עס איז דעמאָלט געווען קלאָר, אַז פּרעזידענט רוזוועלט ווייס וואָס עס קומט פאַר אויף דער וועלט און טריסט זיך ניט מיטן פאַלשן גלויבן אַז אַמעריקע קען בלייבן איזאָלירט פון דער וועלט, אַז זי קען זיך אויסהיטן פון די גיהנום־פייערן פון אַ זיג־רייכן פאַשיזם. ס'איז דעמאָלט געווען קלאָר אַז רוזוועלט קוקט בכלל אויף דעם פאַשיזם מיט די מאָראַלישע אויגן פון אַ דע־מאָקראַט, מיט די אויגן פון איינעם, וואָס זעט אין אַז דער פאַשיזם איז דער שונא פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע, פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס און פון יענע כוחות אין דער געזעל־

שאַפט וואָס שטעלן זיך איין פאַרן מענטשלעכן פּראָגרעס. ס'איז דעריבער געווען פאַרשטענדלעך אַז דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן, צוזאַמען מיט אַלע ליבעראַלע עלעמענטן, זאָלן שטיצן מיטן גאַנצן האַרצן און מיט דער פולער ענערגיע, רוזוועלט'ס קאַנדידאַטור.

איצט איז ניטאָ דער מינדסטער צווייפל אַז די שטעלונג וואָס דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן האָבן גענומען מיט פיר יאָר צוריק איז געווען אַ היסטאָריש־ריכטיקע. רוזוועלט האָט ניט פאַרראַטן דעם דעמאָקראַטישן לעבנס־באַנעם. ער האָט ניט אָפּגענייגט פון דעם דעמאָקראַטישן וועג. זיין גרעסטער פאַרדינסט באַשטייט ניט דווקא אין דעם וואָס ער האָט דערקלערט קריג קעגן די פאַשיסטישע מלוכות. אין די ערשטע טעג נאָך פּוירל האַרבאָר האָט ער געהאַט מיט זיך אַ געאייניקטן קאָנגרעס און דעם געאייניקטן ווילן פון דעם גאַנצן פאָלק. אָבער גרויסן מוט האָט ער אַרויסגעוויזן ווען ער ער האָט געהאָלפן מיט אַזאַ ברייטער האַנט ענגלאַנד און שפּעטער רוסלאַנד. ס'איז ניט אָפּצושאַצן וואָס די פּופּציק אַמעריקאַנער שיפן האָבן אויפגעטאָן פאַר ענגלאַנד אין יענער פינצטערער צייט ווען זי האָט געקעמפט אַליין קעגן דעם נאַצי־מאָנסטער. און ס'איז וואָרשיינלעך ניט קיין גוזמא צו זאָגן אַז דער לענד־ליס אַקט האָט ממש געראַטעוועט ענגלאַנד און רוסלאַנד, און אַזוי־אַרום אויך אַמעריקע. דעמאָלט איז דער קאָנגרעס ניט געווען געאייניקט און דער פאָלקס־ווילן איז זיכער ניט געווען געשמידט פון שטאָל. דעמאָלט איז דער קאַמף געווען אַ ביטערער, און רוזוועלט האָט דעם קאַמף געפירט מיט ווערדע און מיט אחריות פאַרן שיקזאַל פון דער מענטשהייט.

איצט, אין 1944, גייט עס ניט אַזוי אין דעם קריג, ווי אין דעם שלום. די מלחמה אין איראָפּע געפינט זיך שוין אין איר לעצטער סטאַדיע. האָפנטלעך, וועט אויך די מלחמה אין אַזיע ניט געדויערן זייער לאַנג. עס וועט זיין באַשערט דער נייער אַדמיניסטראַציע און דעם נייעם קאָנגרעס צו שפּילן אַן אומגעהייערע ראָל אין דער עטאַבלירונג פון דעם שלום. ס'איז בכלל שווער איצט צו רעדן וועגן דעם שלום אין געוויינלעכע טערמינען. אַמאָל פלעגט זיך פירן אַז נאָכן סוף פון אַ מלחמה

פלעגןביידע צדדים זיך אוועקזעצן ביי א קאנפערענץ־טיש און אויסארבעטן די באדינגונגען פון דעם שלום. עס האט געדויערט טעג אדער וואכן, אין ערגסטן פאל, עטלעכע חדשים. די באַ־דינגונגען זיינען געווען קלארע און פרעציזע. ניט אזוי וועט דער איצטיקער שלום געמאכט ווערן. דאס וועט זיין א פראצעס — א פראצעס וואס וועט געדויערן. דער איצטיקער שלום וועט ניט זיין בלויז אן אפמאך צווישן פעלקער און רעגירונגען. ער וועט זיין אן אנדייט אויף דער צוקונפט, א יסוד, אויף וועלכן עס וועט געבויט ווערן א בנין. און די פראגע וואס איז פון דער גרעס־מער באדייטונג פאר אונזער דור און פאר די דורות נאך אונז, איז אט־וואס: — צי וועט דער פונדאמענט זיין א געזונטער, צי וועט דער בנין זיין א לופטיקער, א שיינער און א חשוב׳ער?

עס קען קיין רייד ניט זיין וועגן דעם אז דער קריג מוז פולשטענדיק געוואונען ווערן. פון דעם שטאנדפונקט זיינען די וואלן מיט פיר יאר צוריק געווען פון דער סאמער קאלאסאל־סטער באדייטונג. וואלטן מיר דעם קריג פארלארן, וואלטן מיר אלצדינג פארלארן. אבער קריג איז דאך טראגיש; קריג איז דאך טויט און פארוויסטונג. אויב דאס וואס קומט איצט פאר אויף דער וועלט, קען באטראכט ווערן ווי א היסטארישע דראמע וואס אנטפלעקט זיך און וויקלט זיך פאנאנדער פאר אונזערע אויגן, איז דאך די מלחמה דער ערשטער טייל פון דער דראמע — דער בלוטיקער און דער טראגישער טייל. דער שלום — דאס וועט זיין דער פריידיקער און זוניקער טייל פון אט־דער דראמע. שלום איז דאך אויפבוי; שלום מיינט דאך היילן די פיזישע און גייסטיקע וואונדן פון דער מענטשהייט; שלום מיינט אייג־שטעלן ארדענונג און צווישן־פעלקערלעכע פארברידערונג. רוז־וועלט האט אונז ניט אפגענארט אין דעם קריג. ער האט ניט ארויסגעלאזן פון האנט דעם היסטארישן פאקל און ער האט נישט אויסגעלאשן ביי זיך אין הארצן די גרויסע ליבשאפט פאר דער ליידנדיקער מענטשהייט. מיר מעגן, דעריבער, אויך אנ־נעמען אז אין דעם שלום וועט ער אונז ניט אפנארן. און אויב ער וועט ניט דערפילן אונזערע סאציאליסטישע האפענונגען, אויב ער וועט ניט בויען דעם בנין אזוי ווי מיר האבן אים אויס־

געמאָלן — וועט ער אָבער העלפן אָוועקלייגן אַזאַ פונדאַמענט אויף וועלכן מ'וועט קענען אויפשטעלן אַן אָנשטענדיקן בנין, און מיט דער צייט, אים איבערבויען און שענער מאַכן.

עס פאַרשטייט זיך אַז שטיצן רוזוועלטן אין די איצטיקע וואַלן, הייסט ניט אָנערקענען די דעמאָקראַטישע פאַרטיי וואָס האָט אים נאָמינירט. און עס הייסט ניט אָננעמען איר פּראָגראַם. עס מיינט ניט אידענטיפיצירן זיך מיט די דעמאָקראַטישע רעאַקציאָנערן פון די דרום'דיק שטאַטן, אָדער מיט די פּאָליטישענס פון די גרויסע צפון'דיקע שטעט. פּראָגרעסיווע מענטשן און דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן דאַרפן שטיצן רוזוועלטן מיטן פולן האַרצן אָבער אָן שום אילוזיעס וועגן זיין פּאַרטיי און וועגן דער פּלאַטפאָרם פון זיין פּאַרטיי. נאָך מער, עס הייסט ניט אויפגעבן דאָס רעכט צו קריטיקירן רוזוועלטן. דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן זיינען נישט מחויב זיך אונטערצושרייבן אויף אַלצדינג וואָס די רוזוועלט־אַדמיניסטראַציע טוט. פאַרקערט, איינע פון אונזערע וויכטיקסטע אויפגאַבעס איז ניט אָפּצוזאָגן זיך פון דעם רעכט פון פרייער קריטיק. דאָס איז אַ קאַרדינאַלער פּונקט אין דעם דעמאָקראַטישן אני מאמין.

אין געוויסע שטאַטן, אין ניו־יאָרק, צום ביישפּיל, געפינען זיך דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן אין דער גליקלעכער לאַגע וואָס זיי קענען שטימען פאַר רוזוועלטן אויפן באַלאָט פון אַ דריטער פּאַרטיי. דאָס באַווייזט אַז רוזוועלט געהערט ניט בלויז דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אַז ער איז אַן אַ שיעור גרעסער ווי זיין פּאַרטיי, אַז ער איז אַ סימבאָל פון דעם דעמאָקראַטישן לעבנס־באַנעם, סיי אין קריג און סיי אין שלום. די וועלכע זעען אים אין דער ראָם פון וועלט־געשעענישן, מוזן קומען צום אויספיר אַז ס'איז אַן אומזין אים אַוועקצושענקען דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. זיין באַדייט און זיין היסטאָרישער פּאַרנעם שפּרייזן אַריבער די גרעניצן פון וועלכער עס איז פּאַרטיי. און אין דעם לעצטן סך־הכל דאַרף ער געאורטיילט ווערן לויט זיין אַלגעמיינעם דעמאָקראַטישן לעבנס־באַנעם, לויט דער דעמאָקראַטישער ראָל וואָס ער שפּילט אין דעם קריג און וואָס אים וועט אויסקומען צו שפּילן אין דעם שלום.

2

סאָציאַליסטישע פּאָליטישע מאָראַל

עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל וואָס סאָציאַליסטן שטיצן רוזוועלט'ס קאַנדידאַטור. אָבער דאָס אַליין איז נאָך קיין באַרעכטיקונג. סאָציאַליסטישע האַנדלונג אָדער טאַקטיק טאָר ניט זיין צופעליק. זי מוז אַלעמאָל באַלויכטן ווערן פון דער פּאָליטישער מאָראַל. איר מקור מוז זיך געפינען אין דער פּאָליטישער מאָראַל.

סאָציאַליסטן האָבן אַלעמאָל געקוקט מיט פאַראַכטונג אויף די וואָס האָבן געפאָדערט אַז מען דאַרף אויסקלייבן דעם קלענערן פון צוויי אומגליקן, פון צוויי צרות. אָט־דער מעטאָד, האָבן זיי גע'טנה'ט, פירט סוף־כל־סוף צו דער פאַרלייקענונג פון סאָציאַליסטישע פּרינציפּן, פון דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל. און זיי זיינען געווען גערעכט. וועגן דעם איז שווער צו האָבן מיינונגס־פאַרשידנהייטן. ס'איז אָבער אַ פראַגע צי עס גייט איצט אין דעם וועלכע פון צוויי צרות איז די קלענערע. ווען דאָס זאָל זיין דער פאַל, וואָלט אונזער שטימונג בכלל געדאַפט זיין זייער אַ פּעסימיסטישע. אונזערע געמיטער וואָלטן געמוזט איינגעהילט ווערן אין פינצטערע וואָלקנס. גיט נאָר אַ טראַכט: די מענטשהייט מאַכט דורך איינעם פון אירע גרעסטע קריזיסן; אַ בלוטיקע מלחמה ווערט אָנגעפירט; מיליאָנען לעבנס ווערן געבראַכט אַלס קרבנות... און מיר דאַרפן אויסקלייבן דעם קלענערן פון צוויי אומגליקן, פון צוויי צרות. אָבער דער אמת איז, אַז, ניט אין דעם גייט עס. עס גייט אין אַן אויסוואַל צווישן צוויי וועגן: איין וועג פירט צו דער רעאַקציע, דער צווייטער וועג פירט צום פּראָגרעס. אַ גרויסער פּאָליטישער ענד־ציל, איז ניט עפּעס אַ פאַר'כישופ'טער פּאַלאַץ וואָס געפינט זיך אויף יענער זייט ריזיקע בערג און ברייטע ים'ען. אַ געזעלשאַפטלעכער ענד־ציל באַשטייט פון אַ סך קלענערע צילן וואָס געפינען זיך דאָ, אין

דעם מאַרק־פּלאַץ פון טאָג־טעגלעכן קאַמף און לעבן. און דער געזעלשאַפטלעכער ענד־ציל איז די סומע פון אַט־די איינצלנע צילן. דער סאָציאַליסטישער אידעאַל איז ניט משיח׳ס קעניגרייך וואָס וועט פאַרווירקלעכט ווערן פּלוצלונג, ווען משיח וועט זיך באַווייזן אויף דער ערד, אויב דער סאָציאַליסטישער אידעאַל איז אַ באַרג־שפּיץ וואָס באַדעט זיך אין דער זוניקער ליכטיקייט פון פרייד און פרייהייט, — מוזן סאָציאַליסטן טאָג איין, טאָג אויס קלעטערן באַרג אַרויף. זיי טאָרן זיך ניט דערשרעקן פאַר דערנער און שטיינער; זיי טאָרן ניט וואַרטן אויף אַ נס מן השמים.

אַ סאָציאַליסטישע פּאָליטישע מאָראַל מוז דעריבער אויסמיידן צוויי טעותן: דעם טעות פון אָפּאָרטוניזם און דעם טעות פון סעקטאַנטישקייט.

סאָציאַליסטן טאָר ניט אָוועקלייגן, צוליב אָפּאָרטוניזם, זייערע ענד־צילן אויף דער פּאָליצע. זיי טאָרן ניט פאַרוואַנדלען זייערע פּרינציפּן אין קליין־געלט אויף צו פירן ביליקע געשעפטן. זיי טאָרן ניט מקריב זיין זייערע אידעאַלן צוליב מאַטעריעלע פּאָזיציעס, צוליב מינדערוויכטיקע אַמטן. זיי טאָרן ניט האַנדלען ווי קרעמער מיט זייערע פּרינציפּן און מיט דער צאָל שטימען וואָס זיי קענען באַקומען אין די וואַלן. אַט־דאָס איז אַ פאַרלעצונג פון סאָציאַליסטישער פּאָליטישער מאָראַל.

סאָציאַליסטן דאַרפן זיך אויך אויסהיטן פון דעם צווייטן טעות — פון פּאָליטישער סעקטאַנטישקייט, פון אידעאָלאָגישן איזאָלאַציאָניזם. דאָס איז דער טעות פון די וואָס טוען ניט אויס זייערע יום־טוב׳דיקע קליידער, און ווילן ניט לאָזן פאַלן אויף זיך קיין שפּרינקעלע שטויב פון דער וואָכעדיקער וועלט, וואָס האַלטן זיך ביי זייערע ערהאַרבנסטע פּרינציפּן, און ווילן ניט האָבן קיין מגע ומשא מיט דער פּראַקטישער ווירקלעכקייט. דאָס איז „אידעאַליזם" אין אַ געזעלשאַפטלעכן חלל; אין בעסטן פאַל, מיינט עס, באַהאַלטן זיך, ערגעץ אויף אַ שטילינקן אינזל, אָפּגעזונדערט פון דער גרויסער, שטורמדיקער וועלט.

אַ פאַראַנטוואָרטלעכע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי מוז אויסמיידן ביידע טעות׳ן. אָן פּרינציפּן, אָן אַ וועלט־באַנעם איז זי

אייגנטלעך ניט מער ווי אַ פינפטער ראָד צום געזעלשאַפטלעכן וואָגן, מוז זי ווערן מער און מער אַפּאַרטוניסטיש, מוז זי סוף־כל־סוף אונטערגיין ווייל איר עקזיסטענץ האָט ניט קיין אָביעקטיווע באַרעכטיקונג. אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי קען זיך אָבער אויך ניט פאַרגינען דעם לוקסוס צו פּראַקטיצירן געזעלשאַפטלעכן אַסקעטיציזם, אָפּטיילן זיך פון די גרויסע קאַמפן פון דער צייט, זיך אָוועקזעצן אויפן באַרג־שפּיץ און וואַרטן ביז וואַנען די מענטשהייט וועט דערזען די שיינקייט פון די לאַנדשאַפטן וואָס רינגלען אַרום דעם באַרג און וועט דערפילן די קלאָרקייט און זיסקייט פון דער לופט וואָס מען קען אָטעמען אויפן באַרג־שפּיץ. דער תוך און דאָס האַרץ פון דער סאָציאַליסטישער פּאָליטישער מאָראַל דאַרף זיין אָט וואָס: האַלטן אין דער האַנט אַלע־מאָל און כסדר, מוטיק און שטאָלץ, די סאָציאַליסטישע פאָן, די פאָן אויף וועלכער עס איז אויסגעוועבט דער סאָציאַליסטישער לעבנס־באַנעם און דער סאָציאַליסטישער ענד־ציל. און מיט דער שטרעבונג, מיט דער פאָן אין דער האַנט שטיצן אַלע כוחות, מיטגיין מיט יענע פּראָגרעסיווע עלעמענטן וואָס ווילן דערוועבן יענע פרייהייט, יענע רעכטן, יענע סאָציאַלע אויסבעסערונגען און רעפאָרמען וואָס מאַכן גרינגער דאָס לעבן פון דעם פאָלקס־מענטשן און פון דעם אַרבעטס־מענטשן, וואָס פירן צו יענער פולער פרייהייט און גערעכטיקייט וואָס הייסט סאָציאַליזם.

3

א רעוואָלוציאָנערער קריג — א רעוואָלוציאָנערע עפּאָכע

מיט פיר יאָר צוריק האָבן מיר געשטיצט רוזוועלטן צוליב דעם קריג. איצט שטיצן מיר אים צוליב דעם שלום.

מיר טאָרן בשום אופן ניט פאַרגעסן אַז דער איצטיקער קריג איז, אין היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, אַ רעוואָלוציאָנערער קריג, אַט פּונקט אַזוי ווי אונזער עפּאָכע איז אַ רעוואָלוציאָנערע עפּאָכע. מיר לעבן אין אַ צייט פון גרינטלעכע געזעלשאַפטלעכע ענדערונגען. די מענטשהייט געפינט זיך אין אַ פּעריאָד פון איבערגאַנג — צווישן צוויי וועלטן און צוויי עפּאָכעס. ניט אַלעמאָל איז גרינג איינצוזען וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט און צו באַנעמען דעם פולן היסטאָרישן זין פון דעם וואָס עס קומט פאָר. כדי צו פאַרשטיין וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט, אין וואָס פאַר אַ ריכטונג זי באַוועגט זיך, איז נויטיק צו האָבן אַ פּאָליטישן קאָמפּאַס אין דער האַנט. און ס'איז ניטאָ קיין בעסערער קאָמפּאַס ווי דער מאַרקסיסטישער. עס זיינען פאַראַן אַלערליי מלחמות. אַט איז אין דער צווייטער העלפט פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט פאָרגעקומען אַ קריג צווישן רוסלאַנד און טערקיי. קיינער וועט ניט זאָגן אַז דער קריג האָט געטראָגן אַ רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער, אַז מיט אים זיינען געווען פאַרבונדן גרויסע געזעלשאַפטלעכע ענדערונגען. אין דער צווייטער העלפט פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט איז אויך פאָרגעקומען אַ קריג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָס איז געווען דער בירגער-קריג. עס איז געווען אַ מלחמה צווישן די פעאָדאַל-אַגראַרע דרום'דיקע שטאַטן און די אינדוסטריעל-קאַפּיטאַליסטישע צפון-דיקע שטאַטן. ס'איז אָבער אויך געווען אַ קריג פאַר פרייהייט,

פאַר דער עמאַנציפּאַציע פון דעם שוואַרצן מענטשן, פאַר מענטש־לעכן רעכט. ס'איז געווען אַ קריג וואָס האָט באַווירקט סיי דעם ווירטשאַפטלעכן סיי דעם אידעאָלאָגישן גייסט פון דער גאַנצער אַמעריקאַנער רעפּובליק. דאָס איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערער קריג.

דער איצטיקער קריג איז אין גרונט אַ רעוואָלוציאָנערער קריג. און דאָס מיינט ניט אַז דער זעלנער וואָס באַטייליקט זיך אין דעם קריג מוז געווען פאַרשטיין, אין אַלע איינצלהייטן, זיין היסטאָרישן זין. דאָס מיינט אפילו ניט אַז רוזוועלט און טשויר־טשיל מוזן דאָס איינגאַנצן באַנעמען. טשווירטשיל מעג זיך זאָגן אַז ער איז ניט געוואָרן פּרעמיער־מיניסטער כדי צו ליקווידירן די ענגלישע אימפּעריע. דער היסטאָרישער זין פון דעם קריג בלייבט דער זעלביקער.

וואו ליגט דער רעוואָלוצינאָנערער זין פון דער מלחמה? זיין זין ליגט אין דעם וואָס ער איז אייגנטלעך ניט קיין גע־וויינלעכער קריג, נאָר אַ גלאָבאַלער בירגער־קריג. ער איז אַ בירגער־קריג צווישן די וואָס שטעלן זיך איין פאַרן פאַשיזם או־מעטום און אין אַלע לענדער, און די וואָס שטעלן זיך איין פאַרן מענטשלעכן פּראָגרעס, אומעטום און אין אַלע לענדער. ער איז אפשר דער ערשטער קריג אין אַ נייער אויפקומענדיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. די מענטשלעכע געשיכטע איז דיי־נאַמיש. זי שטייט ניט אויף איין אָרט, און מען קען ניט זאָגן אַז אין אַ באַשטימטן טאָג פאַרענדיקט זיך איין עפּאָכע און עס הויבט זיך אָן אַ צווייטע. דער פעאָדאַליזם האָט אָנגעהויבן אונ־טערצוגיין אין ענגלאַנד אַ סך פריער ווי אין פראַנקרייך, און אין פראַנקרייך אַ סך פריער ווי אין רוסלאַנד. עס זיינען פאַראַן אָבער געוויסע געשיכטע־מאַכנדיקע מאָמענטן וואָס מיר פאַר־בינדן מיט זיי דעם סוף פון איין עפּאָכע און דער אָנהויב פון אַן אַנדערער.

דער איצטיקער קריג קומט פאַר אין אַ נייער וועלט־אָרדע־נונג וואָס דאַרף באַצייכנט ווערן ווי די קאָלעקטיוויסטישע אָר־דענונג, אין קעגזאַץ צו דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג וואָס

איז באַזירט אויף דעם עקאָנאָמישן אינדיווידואַליזם. דער קלאַ־סישער קאַפּיטאַליזם האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ ווירטשאַפט, וואָס איר יסוד איז געווען די הייליקייט פון אייגנטום, דאָס הייסט, פון אייגנטום וואָס געהערט צו יחידים, צו איינצלנע פּריוואַטע מענטשן, און וואָס זייער רעכט אויף דעם איז אומבאַשטרייטבאַר. אין אַ קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט ווערט אייגנטום אָנגע־זאַמלט דורך קאָנקורענץ, און די קאָנקורענץ קומט פאָר אויף די פרייע נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע מערק, דאָס הייסט, אויף מערק וואָס זיינען פריי פון רעגירונגס־קאָנטראָל, פון געזעל־שאַפטלעכן קאָנטראָל. דער מעכאַניזם וואָס דאַרף באַשטימען אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט דעם פּרייז פון אייגנטום, פון סחורות, אויף די נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע מערק, איז דער אומפאַר־זענלעכער פּסיכאָלאָגישער געזעץ פון אָנבאָט און נאָכפראַגע... דאָס זיינען די דערקען־סימנים פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירט־שאַפט.

קוקט מען זיך צו גענויער סיי צו די פאַשיסטישע סיי צו די דעמאָקראַטישע לענדער ווערט קלאָר אַז די דערקען־סימנים פון דעם קאַפּיטאַליזם זיינען שוין ניט אַזוי בולט, אַז זיי זיינען מאָדיפיצירט געוואָרן און זיינען שוין אייגנטלעך ניט מער ווי שאָטנס, הגם ריזיקע שאָטנס, אויף דעם קאַפּיטאַליסטישן ווירט־שאַפטלעכן האָריזאָנט. די הייליקייט פון פּריוואַט־אייגנטום אין די פאַשיסטיש לענדער איז אַ פיקציע. אוודאי געפינט זיך דאָרט אייגנטום אין דעם רשות פון איינצלנע מענטשן, פון יחידים. אָבער דאָס רעכט אויף דעם אייגנטום איז שוין מער ניט קיין אַבסאָלוט רעכט. עס איז אייגנטלעך אַ פּריווילעגיע, אַ קאָנצעסיע. אין דער אמת'ן געהערט אַלץ דער מלוכה, דער טאָטאַלער פאַשיסטישער מלוכה. זי איז דער ווירקלעכער באַלעבאָס, און זי קען טאָן מיט דעם אייגנטום פון מענטשן וואָס זי וויל נאָר. דאָס אייגנטום איז נאַציאָנאַליזירט געוואָרן. דאָס רעכט אויף דעם איז שוין ניט מער קיין הייליק רעכט.

אַזוי אַרום קען מען שוין אויך ניט ריידן וועגן דער פרייער קאָנקורענץ אין די פאַשיסטישע לענדער — פרייע קאָנקורענץ, סיי אויף דעם נאַציאָנאַלן, סיי אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן מאַס־

שטאַב. ניט אומזיסט האָט נאַצי־דייטשלאַנד פּראָקלאַמירט דעם לאָזונג אויטאַרכיע: דאָס הייסט, אַן עקאָנאָמיש־זעלבסטשטענדיק לאַנד, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון דעם פרייען אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל און דערגרייכט די כלומרשטדיקע עקאָנאָמישע זעלבסטשטענ־דיקייט דורך דעם פולסטן קאָנטראָל איבער דעם אייגנטום פון לאַנד, און דורך אַגרעסיוון קריג — דורך דער אונטערדריקונג און פאַר־שקלאַפונג פון פרעמדע פעלקער מחוץ דעם אייגענעם לאַנד. דערמיט הערט שוין אויך אויף צו ווירקן דער מעכאַניזם וואָס רעגולירט דעם פרייז פון אייגנטום אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד. עס איז שוין מער ניט קיין ענין פון אַנבאָט און נאָכפראַגע, נאָר פון נאַ־ציאָנאַלער נויט און פון נאַציאָנאַלע אינטערעסן.

דער פאַשיסטישער קאָלעקטיוויזם איז אַ טאָטאַליטאַרער. עס איז מלוכה־צוואַנג און מלוכה־הערשאַפט — ברוטאַל און אומ־ברחמנות'דיק. עס מיינט פאַרוואַנדלען דאָס לאַנד אין אַ תפיסה, און די בירגער פון דעם לאַנד אין אַרעסטאַנטן. עס מיינט עקאָ־נאָמישע זיכערקייט, דאָס אָפּשאַפן פון אַרבעטסלאָזיקייט, דאָס אָפּשאַפן פון עקאָנאָמישע קריזיסן — אָבער אויף דעם זעלביקן אופן ווי דאָס ווערט געטאָן אין אַ תפיסה. עס מיינט די אונטער־דריקונג פון דעם יחיד, פון דעם מענטשן — עקאָנאָמיש, פּאָליטיש און קולטורעל. דער פאַשיסטישער טאָטאַליטאַריזם איז איין גרויסע ריזיקע קייט וואָס פענטעט דאָס גאַנצע פאָלק.

אויך אין די דעמאָקראַטישע לענדער איז איצט ניט שייך צו ריידן וועגן דעם קלאַסישן קאַפּיטאַליזם. אויך דאָ זיינען פאָרגע־קומען גרויסע געזעלשאַפטלעכע ענדערונגען: אין ענגלאַנד, אין קאַנאַדע, אין אויסטראַליע, אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דער ניו־דיל, די נייע מערכה, איז גאַנץ ווייט פון דעם סאָציאַליזם. אָבער ס'איז אויך אַ היפשער מהלך פון דעם קלאַסישן קאַפּיטאַליזם. דער סאָציאַל־עטישער וואָרצל פון דעם קלאַסישן קאַפּיטאַליזם איז דער זעלבסט־אינטערעס פון דעם יחיד. די קאָנקורענץ מיט אַנדערע יחידים — דאָס איז די כלי־זין וואָס דער יחיד באַנוצט אין זיין גײַיעג אָנצוזאַמלען אייגנטום, רייכטום. דער סאָציאַליזם שטעלט מיט זיך פאָר אַ געזעלשאַפט וואָס איר לייט־מאָטיוו איז די סאָציאַלע גערעכטיקייט, געבויט אויף דער קאָאָפּעראַציע פון יחידים צוליב

געמיינזאַמע אינטערעסן. דער ניו־דיל שטעלט מיט זיך פאַר אַ צווישן־סטאַנציע. דער ניו־דיל זאָגט זיך אָפּ פון דעם זעלבסט־אינטערעס ווי אַן עקאָנאָמיש־עטישע מאָס אין דער געזעלשאַפט. ער איז אָבער נאָך ניט גרייט איינצושטעלן זיך פאַר דער פול־שטענדיקער סאָציאַלער גערעכטיקייט. דער ניו־דיל שטאַט איז דעריבער אַ „סאָשל סוירוויס" שטאַט. זיין ציל איז די געזעל־שאַפטלעכע באַדינונג ווי אַ מיטל אויסצוגלייכן טיילווייז די אומגע־רעכטיקייטן אין דער געזעלשאַפט. ער פאַרלאָזט זיך ניט אויף דער פריוואַטער פילאַנטראָפּיע פון דעם קלאַסישן קאַפּיטאַליזם. ער טראָגט אין זיך אַ געוויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו די פאָלקס־מאַסן און צו דער אַרבעטערשאַפט, ווען זיי קומט אויס צו זיין אַרבעטסלאָז אָדער צו ליידן עקאָנאָמיש צוליב די חסרונות וואָס זיינען פאַראַן אין דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט. דער ניו־דיל, ווי אַ סאָציאַלע פילאָזאָפיע און סיסטעם, האָט אין זינען דעם אַלגעמיינעם וואוילזיין פון פאָלק, ניט אין טערמינען פון אַבסאָלו־טער סאָציאַלער גערעכטיקייט ,נאָר אין טערמינען פון סאָציאַלער באַדינונג.

אַזוי אַרום ווערט קלאָר פאַרוואָס דער ניו־דיל האָט דורכגע־פירט דעם וואַגנער אַרבעטס־געזעץ, די דאַבליו פּי איי פּראָיעקטן, די הייזער־פּראָיעקטן, סאָציאַלע פאַרזיכערונג. ס'איז אמת, אַז די דאָזיקע געזעצן דעקן נאָר אַ קליינעם שטח פון דעם עקאָנאָמישן לעבן פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק. זיי זיינען אָבער דער אויסדרוק פון אַ נייער אָריענטאַציע, און זיי לאָזן זיך להלוטין ניט אַריינ־פּאַסן אין די ראַמען פון דעם קלאַסישן קאַפּיטאַליזם. די פאַרטיי־דיקער פון דעם קאַפּיטאַליזם וואָלטן ניט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי מען באַגרעניצט די אַרבעטס־שעה'ן פון דעם אַרבעטער, ווי אַזוי מען באַשטימט מינימום־שכירות פאַר דעם אַרבעטער, ווי אַזוי מען בויט הייזער פאַר אַרבעטער, וואָס צאָלן ווייניקער דירה־געלט ווי דער פּרייז־מעכאַניזם פאָדערט. ווידער אַמאָל, דאָס הייסט ניט אַז דער ניו־דיל איז סאָציאַליסטיש. עס מיינט אָבער יאָ, אַז דער ניו־דיל לייקנט אַז אייגנטום־רעכט איז הייליקער ווי מענטשן־רעכט, אַז די אַבסאָלוטע פרייע אונטערנעמונג פון דעם יחיד איז דער ענטפער אויף אַלע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, אַז די דעמאָ־

קראַטישע פאָלקס־רעגירונג טאָר זיך ניט מישן אין דער ווירט־שאַפט פון דעם לאַנד לטובת דעם פאָלק.

יאָ, די וועלט איז דינאַמיש. זי שטייט ניט אויף איין אָרט, זי באַוועגט זיך אין אַ קאָלעקטיוויסטישער ריכטונג, און די פראַגע איבער אַלע פראַגעס איז אַט־די: וועט דער וועלט־צוג אונז דערפירן צו אַ טאָטאַלן קאָלעקטיוויזם, צו אַ רעגימענטאַציע פון טראַסטס און קאַרטעלס איבער דעם פאָלק, אַ קאָלעקטיוויזם לטובת די הערשער פון דער וועלט? אָדער, פאַרקערט, צו אַ דעמאָקראַטישן קאָלעקטיוויזם, אַ סאָציאַליזירטן אינדיווידואַ־ליזם, וואָס שטעלט מענטשלעכע רעכט העכער פון אייגנטום־רעכט, וואָס ברייטערט אויס די סיסטעם פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג, וואָס טראָגט אַריין פלאַן אין דעם עקאָנאָמישן לעבן?

אַוודאי ווילן מיר אַ דעמאָקראַטישן קאָלעקטיוויזם. דורכצו־פירן דאָס וועט ניט אָנקומען אַזוי לייכט. און אין דעם קאַמף דאָס דורכצופירן טאָר מען ניט אויפגעבן קיין שום פּאָזיציע, טאָר מען ניט מאַכן קיין טראָט צוריק מיט דער האָפענונג אַז אפשר וועט מען דערנאָך קענען מאַכן צוויי טריט פאָראויס. קען דען ביי עמעצן זיין אַ צווייפל אַז די דערווײַלונג פון אַ רעפּובליקאַנער פרעזידענט, דאָס הייסט, אַז די פּאָליטישע העגעמאָניע פון די עקאָנאָמישן ראָיאַליסטן, און די פאַרשטאַרקונג פון דער כלומרשטדיקער פרייער אונטערנעמונג — אַז דאָס וועט מיינען לכל הפחות עטלעכע טריט אויף צוריק. פון דער צווייטער זייט, קען דען עמעצער צווייפלען אַז די דערווײַלנוג פון רוזוועלטין, אַז די פאַרטיפונג און אויס־ברייטערונג פון דעם ניו־דיל וועט ניט נאָר ניט זיין קיין טראָט צוריק, נאָר וועט אונז פירן פאָראויס.

4

דער וועג צו אַ דויערנדיקן שלום

וואָס איז די שייכות צווישן די איצטיקע וואַלן און דעם קו־מענדיקן שלום? עס מוז אויף דאָס ניי איבערגע׳חזר׳ט ווערן אַז דער שלום וועט ניט זיין קיין איינמאָליקע געשעעניש, נאָר אַ דויערנדיקער פּראָצעס. דער שלום וועט זיך ביסלעכווייז קריס־טאַליזירן און די וועלט בכלל, וועט זיך קאָנען סטאַביליזירן אויב די גינסטיקע באַדינגונגען וועלן געשאַפן ווערן פאַר אַ דויערנדיקן שלום און פאַר אַ סטאַבילער וועלט. אין דער אויספאָרמירונג פון אַזאַ דויערנדיקן שלום איז אוממעגלעך אָפּצוטיילן די אַמעריקאַנער אינעווייניקסטע פּאָליטיק פון דער דרויסנדיקער. עס איז אויך אוממעגלעך אָפּצוטיילן דעם קנויל עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון די פּאָליטישע. ס׳איז פאַראַן צווישן זיי אַ קעגנזייטיקע ווירקונג. די דערפאַרונג פון די לעצטע צוואַנציק יאָר האָט באַוויזן אַז מען קען ניט פירן קיין רעאַקציאָנערע פּאָליטיק אינעווייניק אין לאַנד, און אַ פּראָגרעסיווע פרידלעכע פּאָליטיק מחוץ דעם לאַנד. די זעלביקע דערפאַרונג האָט אונז אויך געלערנט אַז מען קען ניט דורכמאַכן גרויסע עקאָנאָמישע קריזיסן, אַז מען קען ניט צעשטערן דעם אינטערנאַציאָנאַלן עקאָנאָמישן גלייכגעוויכט, אַז מען קען ניט אויפ־שטעלן הויכע טאַריף־ווענט, אַז מען קען ניט קאָנקורירן אויף די אינטערנאַציאָנאַלע מערק — און גלייכצייטיק אָנהאַלטן פריינטלעכע און וואַרעמע באַציאונגען מיט אַנדערע לענדער.

די מלחמה וועט זיך ענדיקן און מיליאָנען יונגע מענטשן וועלן זיך צוריקקערן צו זייערע פריערדיקע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. ס׳איז ניט זיכער צי די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס וועלן זיין גרייט פאַר זיי. מיר גיבן איצט אויס וואָסערע הונדערט ביליאָן טאָלער אַ יאָר אויף דער פּראָדוקציע פון מלחמה־מאַטעריאַלן. דאָס וועט אויפהערן. אַנשטאָט דעם וועלן מיר דאַרפן פּראָדוצירן געברויך־גיטער. ס׳איז

אַן אַלטער כלל, אַז אין אַ קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט איז דאָ אַ גרויסער אונטערשייד צווישן די פּראָדוציר־פעאיקייטן פון דער אַרבעטערשאַפט, פון די פאָלקס־מאַסן, און זייער קויף־פעאיקייט. דאָס איז דערפאַר ווייל די אַרבעטערשאַפט באַקומט ניט גענוג שכירות אַפּצוקויפן דאָס וואָס זי פּראָדוצירט אין סחורות. עס מוז דאָך אַזוי זיין, ווייל אויב ניט, וואָלט ניט געווען אַזאַ מין זאַך ווי פּראָפיט, און עס וואָלט ניט געווען קיין מעגלעכקייט אַנצוזאַמלען רייכטום און פּריוואַטע פאַרמעגנס.

מיט דער דערוויילונג פון אַ רעפּובליקאַנער פּרעזידענט וועט יעדנפאַלס אַ היפּשער טייל פון דעם ניו־דיל אויפגעגעבן ווערן. עס לייגט זיך ניט אויפן שכל אַז אַ רעפּובליקאַנער אַדמיניסטראַציע וועט איינפירן בעסערע און טיכטיקערע רעפאָרמען אויף דעם אָרט פון דעם ניו־דיל. די רעפּובליקאַנער פּראָגראַם באַשטייט אויף דעם אַז נאָר אַ דאַנק דער אַבסאָלוטער פרייער אונטערנעמונג וועט מעגלעך זיין צו רעהאַביליטירן עקאָנאָמיש אַמעריקע, נאָך דער מלחמה. זיי ווילן אונז איינרעדן, אַז דורך דעם וואָס די רייכע און פאַרמעגלעכע וועלן באַקומען די געלעגנהייט אַריינצולייגן זייער געלט אין נייע געשעפטן, וועט דאָס סטימולירן אונזער פּראָדוקציע, מיליאָנען מענטשן וועלן באַקומען אַרבעט, און אונזערע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען וועלן פון זיך אַליין, אָן שום געזעלשאַפטלעכן קאָנטראָל, געלייזט ווערן.

אָבער ווי אַזוי קען דאָס זיין? די אַרבעטער און די פאָלקס־מאַסן קענען דאָך אַליין ניט אָפּקויפן אַלצדינג וואָס זיי פּראָדוצירן. זיי פאַרדינען ניט גענוג אויף דעם. עס וועט דאָך מוזן זיין אַן איבערפלוס פון סחורות. אין די ערשטע פאָר חדשים וועט מען זיך צוכאַפּן צו די סחורות און מען וועט אויסגעבן אויף דעם דאָס ביסל אָפּגעשפּאָרטע געלט. די צוריקגעקערטע סאָלדאַטן וועלן אויסגעבן דאָס געלט וואָס זיי וועלן באַקומען פון דער רעגירונג. אָבער וואָס וועט זיין דערנאָכדעם? אַ דאַנק אונזער וואונדערלעכער טעכנאָלאָגישער אַנטוויקלונג וועלן מער און מער סחורות פּראָדוצירט ווערן. ניט אַלע צוריקגעקומענע זעלנער וועלן קענען באַשעפטיקט ווערן. דער אינעווייניקסטער מאַרק וועט ניט קענען אָפּקויפן אַט די אַלע סחורות. די רעפּובליקאַנער אַדמיניסטראַציע וועט דעריבער

געצוואונגען ווערן אָנצוהויבן די שטענדיקע קאַפּיטאַליסטישע קאָנקורענץ אויף די אינטערנאַציאָנאַלע מערק. נאָר וואָס־זשע דען? דער מאַרק וועט שוין ניט זיין קיין פרייער און אומבאַגרענעצטער. די גרויסע מעגלעכקייטן פון דעם נייַנצנטן יאָרהונדערט זייַנען שוין ניטאָ. דעריבער וועט די קאָנקורענץ זיין אַ פאַרשאַרפטע און אַ ביטערע.

וואָס וועלן זיין די רעזולטאַטן? אַן אינערלעכער קריזיס אין דעם לאַנד גופא, עקאָנאָמישער כאַאָס, אַ גוואַלדיקע אומצופרידנקייט צווישן די מאַסן. ליידער ווייסן מיר שוין, אַז אַזאַ מין אומצופרידנקייט, אַזאַ מין עקאָנאָמישער כאַאָס איז דער פרוכטבאַרסטער באָדן פאַר דעם אויפקום פון יענער גרויזאַמער רעאַקציע וואָס טראָגט דעם נאָמען פאַשיזם. אין קאַרלסאָנ'ס באַרימטן בוך „אָנדער קאָווער", איז פאַראַן אַ בילד וואָס באַווייזט ווי אַזוי דזשעראַלד סמיט, טשאַרלס קאָגלין און דר. טאַונזענד דערלאַנגען זיך די הענט, נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַראייניקט זייערע אָרגאַניזאַציעס. קיין זאַך אין דעם בוך, דוכט מיר, איז ניט אַזוי באַדייטנגספול און אַנשרעקנדיק ווי אָט־אָ דאָס בילד. די פאַשיסטן האָבן פאַראייניקט זייערע אָרגאַניזאַציעס אין דער צייט פון דעם קריזיס. קאָגלין און סמיט — זיי קען מען נאָך באַקעמפן אָפּענערהייט. וועגן זיי איז ניטאָ וואָס צו ריידן. אָבער טאַונסענד איז געקומען צום אַמעריקאַנער פאָלק מיט אַ פּלאַן וועגן הילף פאַר אַלטע מענטשן, וועגן „העם ענד עגס" פאַר אַרבעטסלאָזע. זיין פּלאַן איז באַשטאַנען פון אַ פערטל אמת און דריי פערטל ליגן. אַך, ווי דאָס שפּילט אַריין אין די הענט פון דעם פאַשיזם! ווי דאָס פאַרכאַפּט די פאַנטאַזיע און דעם געמיט פון די מאַסן בשעת אַ קריזיס, מיט די קאָלאָסאַלע ליגנס וואָס זייַנען געבויט אויף ברעקעלעך אמת!

דאָס מיינט ניט, אַז אַ רעפּובליקאַנער אַדמיניסטראַציע וועט באַוואוסטזיניק אַרויסווייזן פאַשיסטישע טענדענצן. זי וועט זיי אפשר טעאָרעטיש פאַרדאַמען. זי וועט עס טאָן, לאָמיר אָננעמען, מיט ערלעכע און ערנסטע כוונות. אָבער עס גייט ניט אין כוונות. עס גייט דאָ אין היסטאָרישע פּראָצעסן, אין אַן עקאָנאָמיש־פּאָליטישער לאַגע, אין אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישער פּראָגראַם וואָס, לויט זייער גאַנצער לאָגיק, מוזן זיי פירן צו דעם.

וואָס וועט זיין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּועל־יוצא פון דער ליקווידאַציע פון דעם ניו־דיל, און פון דער עקאָנאָמישער אַליינהערשאַפט פון דער פרייער אונטערנעמונג? עס פאַרשטייט זיך, אַז די רעפּובליקאַנער אַדמיניסטראַציע וועט זיכער ניט וועלן אַז דער אינערלעכער עקאָנאָמישער קריזיס זאָל ווערן גרעסער און גרעסער. זי וועט דעריבער זוכן אינטערנאַציאָנאַלע מערק. זי וועט זיי זוכן אין דרום־אַמעריקע און אין כינע. ס'איז אַ טעות צו גלויבן, אַז אַזעלכע רעאַקציאָנערע אונטערשטיצער פון דיואי'ן, ווי מעקאַרמיק, הוירסט און פּעטערסאָן זיינען סתם אַזוי איזאָלאַציאָניסטן. אויך זיי זיינען אינטערנאַציאָנאַליסטן. נאָר וואָס־זשע דען? זייער אינטערנאַציאָנאַליזם איז אַן אימפּעריאַליסטישער, אין קעגנזאַץ צו דעם אינטערנאַציאָנאַליזם פון רוזוועלט'ן וואָס איז אַ דעמאָקראַטישער, אַ הומאַניסטישער, אין איינקלאַנג מיט דעם פּרינציפּ פון צווישן־פעלקערלעכער פריינטשאַפט און פאַרברידערונג. גאָווערנאָר בריקער, דער רעפּובליקאַנער וויס־פּרעזידענט קאַנדידאַט, געהערט צו אָט־אָ דער גרופּע. דיואי, וואָס איז איידעלער און „ליבעראַלער", ווי די וואָס געהערן צו דער גרופּע, איז אָבער אידעאָלאָגיש ניט ווייט פון זיי, און זאָל ער דערוויילט ווערן, וועט אים אויך די לאָגיק פון געשעענישן, צווינגען זיך צו דערנעענטערן צו זיי.

עס קען אויף דער וועלט ניט זיין קיין דויערנדיקער שלום סיידן עס וועט געשאַפן ווערן אַ פעלקער־פעדעראַציע, וואָס איר באַשטימטע פאָרם זאָל ניט זיין. דערמיט פאַרנעמען זיך איצט די גרויסע שטאַטסלייט פון דער וועלט. דאָס איז די הויפּט־פּראָבלעם אויפן אינטערנאַציאָנאַלן סדר־היום. צוליב דעם איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די קאָנפערענץ אין דאָמבאַרטאָן אָוקס. עס גייען אָן דיסקוסיעס וועגן דעם צי די קלענערע פעלקער זאָלן האָבן אַ גלייכע דעה מיט די גרעסערע. ענלעכע ענינים ווערן באַטראַכט. אָבער דאָס זיינען אַלץ זייטיקע זאַכן. די צענטראַלע פראַגע, דאָס האַרץ פון אַלע פראַגעס, איז אָט וואָס: וועט דער נאָך־מלחמה'דיקער פּעריאָד זיין אַ פּעריאָד פון אינטערנאַציאָנאַלער עקאָנאָמישער קאָנקורענץ אָדער פון אינטערנאַציאָנאַלער עקאָנאָמישער קאָאָפּעראַציע און גוטן ווילן? אויב דער נאָך־מלחמה'דיקער פּעריאָד וועט כאַ־

ראַקטעריזירט ווערן דורכן קאַמף פאַר אינטערנאַציאָנאַלע מערק, דורכן קאַמף פון טראָסט און קאַרטעלס, וועט דעמאָלט קיין פעלקער־פעדעראַציע ניט האָבן דעם מינדסטן קיום. די פאַראייניקטע שטאַטן וועט קאָנקורירן מיט ענגלאַנד צוליב מערק אין דרום־אַמעריקע, און מיט רוסלאַנד צוליב כינע. די פריינטשאַפט צווישן זיי וועט דעמאָלט הענגען אויף אַ דינעם פאָדעם וואָס וועט ביי דעם ערשטן צונויפשטויס איבערגעריסן ווערן. אַ חוץ דעם, לאָזט זיך ניט גלויבן אַז סיי דרום־אַמעריקע, סיי כינע וועלן דאָס מאָל דערלויבן אַז אַנדערע לענדער זאָלן זיי עקספּלואַטירן. דער שלום פון דער וועלט וועט זיין אַ קאָרטן־שטיבל. פון דעם חלום פון אַ פעלקער־פעדעראַציע וועט דעמאָלט גאָרנישט ניט ווערן.

די דערוויילונג פון רוזוועלט׳ן מיינט ניט בלויז אַז ער וועט זיצן ביים שלום־טיש און וועט צוטראָגן זיין פערזענלעכן אידעאַליזם און מענטשלעכקייט צו דער שלום־קאָנפערענץ. עס מיינט, אַז דער ניו־דיל וועט אָנגיין. און עס מיינט אויך, אַז מיט דער הילף פון די פּראָגרעסיווע כוחות אין דער וועלט, ווי די ענגלישע אַרבעטער־פּאַרטיי, די אויסטראַליער אַרבעטער־פּאַרטיי און ענלעכע פּאַרטייען, וועט דער ניו־דיל ווערן וועלט־ניו־דיל.

מיט דער ווידערדערוויילונג פון רוזוועלט׳ן, וועט די סעריע וואונדערלעכע דערגרייכונגען פון דעם ניו־דיל ניט אָפּגעשטעלט ווערן, און דער ניו־דיל וועט באַנוצט ווערן ווי אַן אינסטרומענט, ווי אַ מיטל, גרינגער צו מאַכן דעם איבערגאַנג פון מלחמה צו שלום דאָ אין לאַנד. רוזוועלט׳ס ריקאָנווערזשאָן־פּראָגראַם וועט ניט זיין לטובת די גרויסע אינדוסטריאַליסטן און קאַפּיטאַליסטן, נאָר וועט האָבן אין זינען דעם קלענערן געשעפטסמאַן, דעם פאַרמער און דעם אַרבעטער. דער באַזיס פון דער סיסטעם פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג וועט אויסגעברייטערט ווערן. ס׳איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז עס זאָל זיך אָנהויבן דער איבערבוי פון די שטעט פון אַמעריקע, דאָס אָפּווישן פון די „סלאַמס״, אַז עס זאָלן געבויט ווערן מיליאָנען מאָדערנע היימען פאַר דעם אַרבעטנדיקן מענטשן, פאַר דעם שטאָט־איינוואוינער ווי אויך פאַרן פאַרמער; אַז עס זאָלן אויפגעשטעלט ווערן צענדליקער „טי־ווי־איים״ וואָס וועלן ברענגען ביליקע עלעקטרישע קראַפט דער שטאָט און דער פאַרם.

דערביי איז וויכטיק צו באַמערקן נאָך אַ זאַך. דאָס נײַנצנטע יאָרהונדערט איז געווען דאָס יאָרהונדערט פון דער באַן. מיר קענען זיך ניט פאָרשטעלן אונזער מאָדערנע וועלט אָן באַנען. ס'איז אויך ניט מעגלעך אָפּצושאַצן וואָס די באַנען האָבן אויפגעטאָן פאַרן קאַפּיטאַליזם. מיליאָנען מענטשן זײַנען געווען פאַרנומען ביי בויען באַנען און באַן־וועגן. עס האָט געדויערט צענדליקער יאָר ביז וואַנען דער נעץ פון באַנען האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע וועלט. צוליב די באַנען זײַנען אויפגעקומען נייע אינדוסטריעס. און ווידער אַמאָל האָבן מיליאָנען מענטשן געקענט אַרבעטן ביי די אינדוסטריעס. מיר לעבן איצט אין דער צייט פון דעם עראָפּלאַן. און נאָך דער מלחמה וועט די גאַנצע וועלט צונויפגעבונדן ווערן דורך אַ ריזיקער נעץ פון לופט־ליניעס. אין דעם וועלן ליגן ביליאָנען טאָלער. אַרום דעם וועלן זיין באַשעפטיקט מיליאָנען מענטשן. אויב דאָס זאָל געטאָן ווערן דורך דער פרייער אונטערנעמונג, וועט אויך דאָ פאָרקומען קאָנקורענץ צווישן לענדער און צווישן מענטשן. און דאָס וועט פירן צו צוויסטיקייטן און שנאה. דאָס איז אַ ריזיקע אונטערנעמונג און דאָס דאַרף געטאָן ווערן דורך רעגירונגען אויף אַ געפּלאַנטן און סאָציאַליזירטן אופן. וועט עס אַזוי געטאָן ווערן, וועט עס זיין אַ ברכה פאַר דער וועלט און עס וועט העלפן אין משך פון די קומענדיקע צען אָדער צוואַנציק יאָר לייכטער מאַכן דעם איבערגאַנג פון אונזער איצטיקער עקאָנאָמישער אָרדענונג צו אַ מער געפּלאַנטער און צו אַ מער סאָציאַליזירטער אָרדענונג.

מען קען ניט זאָגן אויף זיכער, אַז די ווידערדערוויילונג פון רוזוועלט'ן איז אַ גאַראַנטיע אַז דאָס וועט אַזוי געטאָן ווערן. מען קען אָבער יאָ זאָגן, אַז די ווידערדערוויילונג פון רוזוועלטין וועט מעגלעך מאַכן, אַז ליבעראַלע און פּראָגרעסיווע באַוועגונגען, אַז סאָציאַליסטן זאָלן זיך איינשטעלן פאַר אַזאַ פּראָגראַם, זאָלן באַווירקן די רוזוועלט־אַדמיניסטראַציע און איר געבן די נויטיקע אויפמונטערונג זי זאָל אײַנגאַנצן אָדער לכל הפחות טיילווייז דורכפירן אַזאַ פּראָגראַם.

די ווידערדערוויילונג פון רוזוועלט'ן וועט עפענען ברייטע פּערספּעקטיוון פאַר דער פרייער אַמעריקע. זי וועט ניט דאַרפן

אַראָפּלאָזן די הענט און צוזען ווי דער בנין פון גרויסע סאָציאַלע רעפאָרמען, וואָס דער ניו־דיל האָט אויפגעשטעלט, וועט אַראָפּעגריסן ווערן. דער בנין וועט דעמאָלט בלייבן און די פּראָגרעסיווע אַמעריקע וועט זיך קענען אַנגעמען מיט כּוח און אָנהויבן די אַרבעט צו פאַרבעסערן און פאַרשענערן דעם בנין.

5

ניט קיין סוף, נאָר אַן אָנהויב

דער אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד שטיצט מיט דעם פולן האַרצן רוזוועלט'ס קאַנדידאַטור און איז גרייט אים צו העלפן מיט אַלע זיינע כוחות. עס פאַרשטייט זיך, אַז אויך די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע שטיצט רוזוועלט'ס קאַנדידאַטור. אָבער דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן טאָרן זיך דערמיט ניט באַנוגענען. די סאָציאַליסטישע מאָראַל דיקטירט, אַז די ווידערדערוויילונג פון רוזוועלט'ן דאַרף פאַר אונז זיין אַן אָנהויב און ניט קיין סוף. ביי דעם געוויינלעכן ליבעראַל וועט רוזוועלט'ס נצחון זיין דער סוף — דער סוף פון דעם קאַמפּיין פאַר זיין ווידערדערוויילונג; דערמיט וועט ער זיך באַנוגענען און ער וועט זיך שוין פאַרלאָזן אויף רוזוועלט'ן, און אויף זיין אַדמיניסטראַציע, אַז זיי וועלן פירן אַמעריקע אויפן ריכטיקן וועג.

דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן ווייסן, אַז דאָס איז נאָר אַן אָנהויב. זיי ווייסן, אַז רוזוועלט האָט קעגנער אין זיין אייגענער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אַז וואָלאַס, דער נביא פון דעם „קאָמאָן מען", פון דעם פּשוט'ן מענטשן, איז טאַקע באַזייטיקט געוואָרן פון דער זעלביקער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. זיי ווייסן אויך, אַז ניט אייך פּראָגרעסיווער געזעץ־פּראָיעקט איז דורכגעוואָרפן געוואָרן צוליב דער קאָמבינאַציע פון דעמאָקראַטישע רעאַקציאָנערן מיט רעפּובליקאַנער אין דעם קאָנגרעס. רוזוועלט האָט געמוזט וועטאָ־אירן—קעגן זיין אייגענער פּאַרטיי, דאָס הייסט, קעגן זיינע אייגענע דעמאָקראַטישע קאָנגרעסלייט און סענאַטאָרן — דעם סמיט־קאָנאַלי געזעץ, ווי אויך דעם שטייער־געזעץ. וואָלטן די דעמאָקראַטן גע־פילט, אַז זיי קענען דערוויילן וועלכן עס איז אַנדער קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט, וואָלטן זיי געטאָן מיט רוזוועלט'ן דאָס זעלבע וואָס זיי האָבן געטאָן מיט וואָלאַס'ן.

טראַכט מען זיך גוט אַריין אין דער סאָציאַלער פילאָזאָפיע פון רוזוועלט'ן און איבערהויפט פון וואַלאַס'ן, ווערט קלאָר אַז זיי פּאַסן זיך באמת ניט אַריין אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. וואָלט זיי אויסגעקומען צו לעבן אין אַזעלכע לענדער ווי ענגלאַנד אָדער אויסטראַליע, וואָלטן זיי מסתמא געהערט צו די אַרבעטער־פּאַרטייען אין יענע לענדער, און וואָלטן געווען זייערע פּאָליטישע און גייס־טיקע פירער. ליידער איז די לאַגע אין אַמעריקע אַן אַנדערע. און דעריבער באַקומט זיך דער טראַגישער פּאַראַדאָקס וואָס דער פּאַקל־טרעגער פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי ווערט נאָך די וואַלן סאַבאָטאַזשירט פון זיין אייגענער פּאַרטיי.

מיר לעבן אין אַ קריטישער און אַנטשיינדנדיקער צייט. דער גורל פון דער מענטשהייט איז איצט אויף דער וואָגשאָל. ניט לאַנג צוריק זיינען מיר געשטאַנען ביים סאַמע ברעג פון אַ פעלז און אונטן איז געווען דער אָפּגרונט. איצט מעג מען שוין צוגעבן, אַז מיר זיינען ניט געווען זיכער צי מיר וועלן קענען אויסמיידן דעם אָפּגרונט. די לאַגע האָט זיך געביטן. די פּאַשיסטישע שלאַנג האָט פאַרלאָרן איר גיפט און באַלד וועט די שלאַנג אַליין דערשטיקט ווערן. דער הימל איבער אונז האָט זיך אויסגעלייטערט און די וואָלקנס ווערן ווייניקער און ווייניקער. מיר געפינען זיך איצט אויפן שפּיץ פון דעם באַרג און דער תהום איז פאַרשוואונדן, און מיר קענען דערבליקן אַרום זיך, אין אַלגעמיינע קאָנטורן, די פעלדער און טייכן און טאָלן פון אַ רואיקער, גליקלעכער און פרידלעכער וועלט. אַמעריקע איז אַ טייל פון דער וועלט. אַמעריקע מוז דערפילן איר ראָל אין דער וועלט. אין אַ געוויסער מאָס קען מען זאָגן, אַז די וועלט האָט דורכגעמאַכט אַ גיהנום פון ליידן צוליב דעם וואָס אַמעריקע האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער וועלט נאָך דער ערשטער מלחמה.

איצט טאָר דאָס ניט געשען. דאָס אַמעריקאַנער פאָלק טאָר ניט אַראָפּגעפירט ווערן פון די ברייטע וועגן פון סאָציאַלן פּראָגרעס. די ווידערדערוויילונג פון רוזוועלטין מוז זיין אַן אָנהויב און אַ סיגנאַל. די פּראָגרעסיווע כחות פון אונזער לאַנד מוזן זיך צונויפ־זאַמלען. עס מוז זיך גלייך אָנהויבן אַ באַוועגונג צו שאַפן אין אַמעריקע אַ פּאַרטיי פון אמתין סאָציאַלן פּראָגרעס, אַ פּאַרטיי

וואָס זאָל באַשטיין פון אַרבעטער, פּאַרמערס, קליינע געשעפטס־לייט און פּראָפעסיאָנאַלן, אַ פּאַרטיי וואָס זאָל ווערן אַ שוועסטער־פּאַרטיי צו דער ענגלישער און אויסטראַלישער אַרבעטער־פּאַרטיי, צו דער קאַנאַדישער סי. סי. עף., צו ענלעכע פּאַרטייען וואָס וועלן אויפקומען אין אַלע דעמאָקראַטישע לענדער. צוזאַמען וועלן די פּאַרטייען מחן שמידן דעם שיקזאַל פון זייערע באַזונדערע לענדער און דעם שיקזאַל פון דער גאַנצער מענטשהייט.

רוזוועלט'ס ניו־דיל איז ניט די פּראָגראַם פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. מען קען אָבער ניט זאָגן, אַז דער ניו־דיל איז אַ צופעליקע דערשיינונג, אַז ער איז מעגלעך געווען בלויז דערפאַר וואָס אַ שיינער, דעמאָקראַטישער מענטש איז געוואָרן דער פּרעזידענט פון אַמעריקע. דאָס איז אַ נאַאיווע דערקלערונג פאַר גרויסע היסטאָרישע געשעענישן. רוזוועלט וואָלט ניט געקענט דורכפירן דעם ניו־דיל ווען אין אַמעריקע וואָלטן ניט געבלאָזן נייע ווינטן, ווען עפּעס וואָלט ניט געווען געביטן זיך אין די געמיטער און אין די מוחות פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק, ווען אָביעקטיווע אומשטענדן וואָלטן אים ניט באַהילפיק געווען.

דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן מוזן זיך צוהערן סיי צו דער שטים פון זייער האַרצן, פון זייער געזעלשאַפטלעכן געוויסן, סיי צו דער שטים פון דעם פאָלק. זיי מוזן דערבליקן די אָביעקטיווע אומשטענדן וואָס רינגלען אַרום דאָס פאָלק. אויב מיר ווען זיך צוהערן צו דער שטים, וועלן מיר ניט צווייפלען אין דעם אַז דער פייערדיקער געבאָט פון דער צייט איז אַט וואָס: אַ קאָנצענטרירטער און ערלעכער פּרואוו מוז געמאַכט ווערן צו גרינדן אין אַמעריקע אַ גרויסע אַרבעטער־ און פאָלקס־פּאַרטיי וואָס זאָל באַוואוסטזיניק פאַרוואַנדלען אַמעריקע אין דעם לאַנד פון דער פולסטער דעמאָקראַטיע און דער גרעסטער עקאָנאָמישער זיכערקייט פאַר דעם יחיד. זיכערקייט און פרייהייט דערגאַנצן זיך. זיכערקייט איז דער וואָרצל פון דעם בוים וואָס זיין שענסטע פרי איז די גייסטיקע פרייהייט פון דעם מענטשן. זיי זיינען ביידע טיילן פון יענעם לעבנס־באַנעם וואָס טראָגט דעם הייליקן נאָמען דעמאָקראַטיע. און די פולסטע דעמאָקראַטיע — פּאָליטיש און עקאָנאָמיש — גלייכט זיך אויס מיטן סאָציאַליסטישן אידעאַל און לעבנס־באַנעם.

!ווערט אַ סובסקרייבער

ל ייענט דעם

„וועקער“

אָרגאַן פון

אידישן סאָצ. פאַרבאַנד אין אַמעריקע

אין דער איצטיקער צייט — אַ צייט פון גרויסע געזעלשאַפט־לעכע ענדערונגען — איז דאָס סאָציאַליסטישע וואָרט אַ וועגווייזער און אַ ליכט, אַ נויטיקער פאָרבאַדינג פאַר קאָנסטרוקטיווע און באַפרייענדיקע טאַטן.

העלפט פאַרשטאַרקן דאָס אידיש־סאָציאַליסטישע וואָרט — דאָס וואָרט פון בטחון און גלויבן אין דעם זיג פון די אידייען פון ברידערלעכקייט און גערעכטיקייט.

פרייז פאַר אַ יאָר — $2
איינצל נומער — 10 סענט.

!פאָדערט דעם „וועקער“ ביי אייער צייטונג־סטענד

Address: DER WECKER, 175 East Broadway,
New York 2, N. Y. Room 303
Phone: GRAMERCY 5-7994